# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. X. No. 4 — 50 CENTS A YEAR — DECEMBER, 1927

## A GENTILE'S LETTER TO A JEW.

My dear Jewish Friend:

I am a gentile. I was born that way. I cannot call Abraham my great grandfather, nor Moses my great Law-giver. God never took my forefathers out of Egypt, nor did He bring them into the promised land. I cannot claim ancestry from that beautiful shepherd boy of the Judean hills, David; nor can I connect myself by blood to the great King Solomon.

Your forefathers used to call my forefathers, dogs! And they would not so much as eat from the same table with my kin. I was an outcast, a stranger at the door, an alien from the commonwealth of Israel, and I had no hope, and I was even without a God in the world!

But one day I got hold of a book called the Bible. And I began to read it, and you can imagine how astounded I became when I began to discover as I read on and on, that this Bible was all written by you Jews; that in it, God tells about Himself, but He uses Jews through whom to tell it.

### What I Discovered.

And I learned that God called you out to be the missionaries of the world, that you should come to us gentiles and convert us to become Jews. and believers in God. But your forefathers refused to do this; instead they became proud, boastful and sinful. And I learned further, that God sent your forefathers great prophets, like Jeremiah, Zechariah, Ezekiel, Amos. But you stoned some and some you killed.

And I read on, and I found that God at last said He would try one thing more. He would send His only begotten Son, the Lord Jesus Christ. And He did that; and shocking to say, your forefathers, some of them actually delivered Him to the Romans to be crucified! But He was God, and on the 3rd day, He arose from the grave!

And I discovered that because of this, I, altho born a gentile, with no hope, could become a child of God by accepting this Son of God as the One who alone can save me from my sins.

And I said, "Oh, God. I believe that thou didst send thine only begotten Son, the Lord Jesus Christ, into the world, and that He was crucified for my sins. I lay upon Him all my sins, and I ask thee to make me thy child." And a strange peace came into my soul, and I knew that moment that I had been born again and had become a child of God.

### I Believe the Jews.

Now I believed every word which those Jews wrote in the Bible. If I did not believe what you Jews told me, I would not have a single hope in the world. I would not know which way to turn, I would be as the very dog in the street.

Imagine my surprise, therefore, when I found after I had accepted the Lord Jesus Christ and had become a child of God, that you Jews today do not believe in the Lord Jesus Christ, that many of your Rabbis do not even believe there was an Abraham or a Moses. And many others do not believe that wonderful account of how God made the heavens and the earth!

For a long time I was greatly troubled. Whom should I believe? The Jews of today, or the Jews of 2000 years ago? If the Jews of today are telling the truth, then the Jews of 2000 years ago told lies; if the Jews of 2000 years ago told the truth, then the Jews today are telling me lies. And it did seem to me that you Jews ought to stick together and not make each other liars!

But I asked myself, what motive is behind each Jew? What did the Jews of 2000 years ago gain by telling me about God and about His Son, and about my sins? And what does the Jew of today, gain by telling me that God doesn't exist, the Bible isn't true. there never was a person called Christ?

And I found that the Jews of 2000 years ago gained **nothing** by telling me of the Lord Jesus Christ—quite the contrary, **they lost everything!** Stephen was stoned to death; Peter was crucified with his head downward, by order of Nero. Paul was first scourged, and seven lictors successively whipped his naked body, and after that he too was crucified. St. James was hanged against a pillar; St. Thomas was surrounded while in private prayer one morning; they shot at him a shower of darts, then one of the priests ran him through with a lance. And each one died calling upon the blessed Name of the Lord Jesus Christ! And not one of them died a millionaire! They all died paupers!

And I found that the Rabbis and other Jews of today who deny all these wonderful facts are getting large salaries, and are living in luxury undreamed of by those martyr Jews of 2000 years ago. And I never yet heard of a Jewish Rabbi being hung, or being crucified, or even being whipped, because he said that the Lord Jesus Christ did not live, or that the Bible is not true.

And so in my own mind, there is not the least shred of doubt. I believe the Jews of 2000 years ago, and down in my heart I **know** they told the truth, for God has given me the sure knowledge which I am certain He will give to you, if you only want it and seek it earnestly.

But I still wonder; and I still would like to ask a question; why do you Jews tell the world that your great grandfathers told lies? I am only a gentile, but I believe what your Jewish forefathers told me, and I love your Jewish Saviour, the Lord Jesus Christ. And I want, oh so much, that you shall come back to Him. Won't you?

---

### Tune in on WMBI 263

The Moody Bible Institute operates a radio broadcasting station, known as WMBI Chicago.

Every Saturday afternoon at 4:30 Chicago time, the Institute broadcasts a service in Yiddish. Professor Birnbaum, a Jewish Christian at the head of the Jewish Mission Department has charge of these Saturday afternoon Yiddish services. There is singing both in Yiddish and in English, and a short talk by some Jewish Christian in Yiddish or English, sometimes both.

Tune in some Saturday afternoon; you will be helped by these services, and you will be thankful to the Moody Bible Institute for the love this School is showing in behalf of the Jews.

---

## BETH SAR SHALOM

**Throop Avenue and Walton St.**
**Brooklyn, N. Y.**

**COME TO OUR MEETINGS**

| | |
|---|---|
| Every Friday | 8 P. M. |
| Every Sunday | 8 P. M. |
| Every Monday | 8 P. M. |

### ANONYMOUS LETTERS

**We are receiving so many anonymous letters from readers of The Shepherd of Israel that we are now obliged to announce that we will pay no attention to any such letters which contain requests that questions be answered in our columns.**

**We are glad to answer all questions but if the person or persons asking the questions have not the courtesy to send their names, or are afraid to do so, then we feel that we cannot recognize such inquiries as being honest or sincere.**

Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

וואס אידען בעטען, זענען אידען נאך אלץ אין לאנגען גלות, ווייל די תפלות האבען פשוט קיין ממשות ביי גאט.

ווען מיר בעטען אבער בשם ישוע המשיח, אט דאמאלס ווערען אונזערע תפלות יא געענטפערט, אזוי ווי ישוע המשיח האט אונז פארשפראכען: „כל אשר תשאלו בשמי אני אעשנו". (יוחנן י"ד). טרייעט עס, ליעבער לעזער.

## גרויסע אידען

מיר שטעלען דא דאס בילד פון דעם גרויסען איד רעוו נתן קאמעראס פון דער ליטא.

מר' קאמעראס קומט פון א זעהר פרומען הויז, האבענדיג אין זיין פאמיליע אייניגע רבנים און גאונים. ווי געוועהנליך פאלט דאס עפעלע ניט ווייט פון בוימעלע. נתן אליין איז אויך געוועזן א גוטער לערנער און א וואזשנער חסיד, ער האט צוזאמען מיט זיין פאטער לאנג געדאווענט, א סך תהלים געזאגט און אויך אויפגעשטאנען האלבע נאכט צו חצות וויינענדיג אויפ'ן חורבן ירושלים און בעטענדיג אויף משיח'ן און אויף דער צוריק־אויפבויאונג פון אונזער היים ירושלים.

אזוי האבען פאטער און זוהן א סך יאהרען געהאלטען אין איין זאגען חצות, און ירושלים איז תמיד געבליבען דאס וואס איז געווען; האט זיך איינמאל פלוצים אין זיין געדאנק ארייגעכאפט א פראגע: היתכן, ווי קומט דאס, אז גאט וואס איז א „שומע תפלה", הערט גאר ניט די פיעלע תפלות וואס ער און זיין פאטער מיט כל ישראל צוזאמען, דאווענען און בעטען שוין אזוי לאנג אז דער משיח זאל שון קומען ... נון טאקע, פארוואס קומט ער שוין ניט און אויפריכטען די צובראכענע היים ... און היילען די פיעלע אידישע צובראכענע הערצער און געמיטהער?

מר' קאמעראס מיט זיין גאנצער פרומקייט און באלעהרזאמקייט אין תלמוד און אין פוסקים האט אפנים ניט געוואוסט אז דער הייליגער משיח איז שוין געקומען נאך מיט 1900 יאהר צוריק און ער האט זייט דאמאלס שוין הונדערטער טויזענטער צובראכענע הערצער געהיילט, נאטירליך, אזאלכע וואס האבען זיך געלאזט ביי איהם היילען. יא, ער וואלט שוין לאנג אויך געוועזן די „סוכת דוד הנפלת", אונזער היים, אויפגעריכט, ווען מיר וואלטען איהם דאס נור געוואלט לאזען טהון. מר' קאמעראס האט דאס אבער ניט געוואוסט, פונקט אזוי ווי פיעלע אנדערע אידען ווייסען דאס ניט.

ווען ער האט זיין פאטער אט דיעזע פראגע



רעוו. דר. נתן קאמעראס

געשטעלט, האט יענער א בורטשע געגעבען אונטער'ן נאז און זיין „אפיקורס'ישען בנ'אק" געגעבען אין טאטען ארייין דערפאר, און האדיע . . . ווייטער אבגערעכט חצות.

דעם יונגען קאמעראס האט אבער שוין יענער געדאנק מעהר קיין מנוחה געגעבען. ער האט די פראגע אמאל געשטעלט א גרייז־גרויען איד, א רב, וואס פאהרט אויף דער מדינה; יענער האט איהם זיין פראגע אויך נישט געקאנט בעאנטווארטען, ווייל דער רב האלט אויך אין איין זאגען חצות שוין זייט יאהרען און קאן צו קיין טאלק קומען . . .

מר' קאמעראס האט אבער זיין פראגע אמאל אנפערטרויעט צו א דורכרייזענדען ביכער־אגענט, א איד וואס איז אנגעשטעלט פון א קריסטליכער ביבעל־געזעלשאפט וואס פארקויפען ביבלען צו האל־בען פרייז אבי מ'זאל נור לערנען גאטס ווארט; געוועהנליך איז דער אידישער אגענט אליין אויך געווען א גלויביגער אין ישוע המשיח, און ער, דער אידישער אגענט האט דעם יונגען מאן זיין לאנג אנגעוועהטאגטע פראגע יא בעאנטווארטעט, בכן, אז דער משיח איז שוין יא געקומען, נעמליך ישוע מנצרת אויף וועמען אלע נביאים האבען נביאות געזאגט, און ער וועט נאך אמאל קומען. „והוא יפן ברחמיו שנית". אט מיט יענעם איד איז אונ־זער גרויסער איד געזעסען א גאנצע נאכט בחדרי חדרים און פון איהם געלערענט די סודות המשיח.

אונזער יונגערמאן האט פלוצים דערזעהן דאס הייליגע ליכט; איהם האט שוין דער אמת אין משיח אויפגעהויבען העט־העט צו א הויכער מדרגה. זיין צובראכען הערץ און געמיטה איז זייט דאמאלס באלעבט און ערקוויקט געווארען און ער האט אנ־געהויבען צו גלויבען בלב ונפש אז ישוע איז דער משיח אמת, והוא יפדה את ישראל מכל עונותיו. זיין איבערציינונג פאר דעם אמת אין ישוע המשיח איז נישט געווען באגרינדעט אויף א „תנו רבנן" אדער אויף אן „אמר ר' פפא". נייערט אויף דעם דבר ד', אויף דעם תנ"ך, וועלכעס איז די גרעסטע אויטאריטעט, ווייל עס קומט פון גאט ב"ה זעלבסט.

דערפאר זאגען מיר דא, אז ווען א איד וויל אויס־געפינען דעם ריינעם אמת וועגען דעם גואל צדק, דארף ער נישט ווארטען אויף דעם רב אדער אויף אנדערע כלי קודש, נייערט ער דארף נעמען די כתבי הקודש און דארט אויסגעפינען ווער דער משיח איז, אזוי ווי ישוע המשיח האט אמאל געזאגט צו אידען אין ירושלים: „דרשו בכתובים אשר אתם אמרים חיי עולם יש לכם והמה מעידים עלי". יוחנן ה', 39).

אונזער גרויסער איד איז אויף דעם ראטה פון יענעם אגענט אוועק געפאהרען נאך פראג צו פאס־טאר דר' שעהנבערגער, דורך וועמענס איינפלוס ער איז דאן געגאנגען שטודירען און זיך פערטיג מאכען לעבודת הבורא יתברך בישוע המשיח, און זייט דא־מאלס האט ער א סך פארוואגעלטע נשמות, צוברא־כענע געמיטהער, געבראכט צו דעם מלכות השמים און זיי אויפגעריכט און באלעבט אזויבאלד ווי זיי האבען אנגעהויבען אין איהם צו גלויבען.

„אימתי יבא משיחא?", האט ר' יהושע בן לוי אמאל געפרעגט דעם משיח. האט ער איהם געענט־פערט — „היום . . . שנאמר „היום אם בקולו תשמעו". (סנהדרין צ"ח). דערזעלבער משיח קאן אויך צו אייך ליעבער לעזער היינט קומען און אייך ערקוויקען און באלעבען אזויבאלד איהר וועט אין איהם גלויבען און איהם אנפערטרויען. דער חורבן וועט אויפהערען און משיח וועט אייך אויפהויבען פון דער ערד צו דער הויכער מדרגה צו ווערען א קינד גאטעס. אשרי כל חסי בו.


100 $ באלוינונג

ווען איהר וועט בעווייזען וואו עס איז געשריבען אין דער תורה אז מ'זאל זאגען קדיש און אז דאס העלפט ארויס צו שלעפען די טויטע פון ניהנום.


## שטעלט אן אייער רעדיא אויף
## WMBI (263)

דאס איז די מאדי בייבעל אינסטיטוט פון שיקאגא, אילינאיס.

יעדען שבת נאכמיטאג, אום 4:30 (שיקאגא צייט), קאן מען הערען אויף דער רעדיא פון יענעם אינסטיטוט א הארציגע אידישע דרשה. פראפע־סאר בירנבאום, א יודען־קריסט, וואס איז אויף דער שפיץ פון יענעם דעפארטמענט, איז דער אנ־פיהרער פון די שבת נאכמיטאגדיגע דרשות. מ'קאן אויף דער רעדיא הערען אין יענער שטונד שעהנעם געזאנג אין אידיש און אין ענגליש ווי אויך אידישע און ענגלישע רעדנער וואס פארשפרעכען צו זיין זעהר אינטערעסאנט.

שטעלט אן אייער רעדיא שבת נאכמיטאג צו דעם אויביגען סטעשאן, איהר וועט דאס ליעבען און איהר וועט דאנקען די מאדי בייבעל אינסטי־טוט פאר דעם פארגעניגען וואס איהר וועט דערפון האבען. דאס איז א נייע זאך, ערשט איינגעפיהרט.


## בית שר שלום

קארנער טרופ עוו. און וואלטאן סטריט, ברוקלין, נ.י.

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

פרייטאג נאכט, 8 אוהר - - - פיר מענער און פרויען

זאנטאג נאכט, 8 אוהר - - - פיר מענער און פרויען

מאנטאג נאכט, 8 אוהר - - - טעסטאמאניעל מיטינג

מאָלס אָנגעזאָגט אַז דער „נביא כמשה" וועט קומען און איך האָב אייך געבעטען און געוואָרענט אַז „אליו תשמעון, ווען נישט זאָגט גאָט „אנכי אדרש מעמו". (דברים 18.) אין יענעם טאָג, קריסטמעס, איז דער נביא כמשה, ישוע המשיח, טאַקע געקומען און . . . געוויס פרייה איך מיך!"

דאַן געהט מען צו משה'ס נאָכפאָלגער, צו יהושע בן נון — וואָס זאָגט איהר גרויסער פיהרער איבער קריסטמעס, דעם געבורטסטאָג פון ישוע המשיח? „אָה, ענטפערט ער, דאָס איז קדש הקדשים. דאָס איז דער געבורטסטאָג פון דעם „שר צבא ד'" וועלכער איז צו מיר געקומען נעבען יריחו". (יהושע ו').

דאַן ווענדען זיך די יחידי סגולה צו דעם גרויסען נביא ישעיה — וואָס דענקט איהר „נביא" וועגען קריסטמעס? „וואָס איך דענק וועגען דעם— זאָגט ער — האָב איך שוין לאַנג געזאָגט, נאָך מיט איבער 700 יאָהר בעפאָר עס איז געשעהן. איך האָב אויסגערופען מיט גרויס שמחה און התלהבות: „כי ילד ילד לנו בן נתן לנו". (ישעיה ט'). אודאי דאַרף זיך יעדעס אידישע הערץ דערמיט פרייען".

אזוי געהענדיג גיבט מען אויך א פרעג דעם גרויסען אידישען מלך דוד — וואָס האָט איהר, אידישער מאַיעסטעט, אונז צו זאָגען מכח קריסטמעס? דער גרייזגרויער מאָנאַרך דוד וועט אודאי מיט גרויס ענטהוזיאַזם ענטפערען, אַז דאָס איז ביי איהם די גרעסטע שמחה, ווייל אין יענעם טאָג איז דער משיח, וואָס איז א בן דוד, געבוירען געוואָרען און ער וועט אהין ווייזען צו דעם וואָס ער האָט בנבואה געשריבען אין תהלים ב', אַז דער משיח זאָגט „ד' אמר אלי בני אתה אני היום ילדתיך".

דאַן ווענדט מען זיך צו איינעם פון די שפּעטערע נביאים, צו מיכה, מיט דער זעלבער פראַגע. ער ענטפערט מיט א פייערל אין זיינע אויגען, אַז יענער טאָג איז ביי איהם ווי 10 שמחת תורה'ס צוזאַמען גענומען, און צייגט אהין צו זיין נבואה אין מיכה ה': „ואתה בית לחם אפרתה צעיר להיות באלפי יהודה ממך לי יצא להיות מושל בישראל". און אַבשוין ער איז אין בית לחם געבוירען געוואָרען, דאָך איז דאָס נישט זיין אָריגינאַל, זיין אָנהויב, ווייל „ומצאתיו מקדם מימי עולם", זיין עקזיסטענץ איז געווען פון עוויג אָן.

עס איז פאַראַן א מדרש וואָס זאָגט אַז גאָט ב"ה האָט געהאַט א געשפּרעך מיט'ן משיח נאָך איידער ער האָט די וועלט בעשאַפען, זאָגענדיג אַז די מענשען וועלען זיין זינדיג און זענען קוים ווערטה באַשאַפען צו ווערען. האָט דער משיח געענטפערט אַז ער נעמט אויף זיך די זינד פון אַלע וואָס וועלען גלויבען אין איהם. און אַזוי איז די מענשהייט באַשאַפען געוואָרען.

דאַן גיבט מען א פרעג איינעם פון די לעצטע נביאים, חגי הנביא, וואָס ער דענקט וועגען דעם גרויסען יו"ט קריסטמעס? ער ענטפערט אַז צו איהם איז עס א „גילה רנה דיצה חדוה" ביז אין דער טאָמע נשמה, ווייל דאָס האָט ער דאָך געמיינט מיט זיין נבואה „ובאו חמדת כל הגוים". (חגי ב'). און זייט ער איז געקומען איז ער דאָך טאַקע דאָס גליסטיגקייט פון אַלע פעלקער. יאָ, צווישען אַלע פעלקער זענען פאַראַן יחידי סגולה וואָס זאָגען אַזוי ווי דער גרויסער מחקר שאול פון תרשיש, דער תלמיד פון ר' גמליאל הזקן, האָט אַמאָל געזאָגט: „פאַר מיר צו לעבען און צו שטערבען איז נור ישוע המשיח. (פיליפּיענס ו').

און הערט אַקאָרשט וואָס זכריה הנביא ענטפערט אויף דער פראַגע וואָס דער יו"ט קריסטמעס מיינט פאַר איהם — ער שרייט אויס „גילי מאד בת ציון הריעי בת ירושלים הנה מלכך יבוא לך . . ." (זכריה ט') דאַרף מען נאָך א גרעסערע שמחה?

און ווען די יחידי סגולה פרעגען אָט דיזעלבע פראַגע דעם לעצטען נביא, מלאכי, צייגט ער אהין מיט גרויס באַגייסטערונג צו דעם טאָג פון דעם הייליגען משיח'ס געבורט, אַז דאָס איז עס טאַקע וואָס ער האָט געמיינט ווען ער האָט געזאָגט: „וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה . . ." ווער זאָל זיך דען נישט פרייען מיט זיין געבורט ווען ער איז די זון פון גערעכטיגקייט. אַזוי ווי די וועלט קאָן נישט לעבען אָהן דאָס ליכטיגקייט פון דער זון, אַזוי קאָן קיינער נישט גערעכט זיין ביי גאָט אָהנע ישוע המשיח, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט מיט איבער 1900 יאָהר צוריק צו ליידען און צו שטערבען פאַר אונזערע זינד כדי אונז פאַר גאָט ב"ה גערעכט צו מאַכען.

אַזוי ווענדענדיג זיך פון איין נביא צום צווייטען, פון איין פּאַטריאַרך צום אַנדערען, הערט מען פון אַלע מיט גרויס ענטציקונג און מיט גרויס שמחה מיט א יום-טוב'דיגע שטימונג און מיט פייערדיגע ווערטער רעדענדיג וועגען דעם גרויסען יו"ט קריסטמעס אַלס אַן אַנדענקונג אויף דעם געבורט פון ישוע המשיח, און מיר אַלע צעהנדליגע טויזענדער יחידי סגולה וואָס גלויבען יענע אַלע נביאים, און דערפאַר גלויבען מיר אין ישוע המשיח, מיר רופען אויס מיט יובל און מיט התלהבות'דיגע שמחה איבער דעם געבורטסטאָג, קריסטמאַס, „זה היום עשה ד' נגילה ונשמחה בו", און מיר בעטען „אנא ד' הושיעה נא", העלף אָ גאָט אַז כל ישראל זאָלען זיך פרייען מיט ישוע המשיח, וועלכער איז אונזער ישועה און אונזער נחמה, אונזער גאולה און אונזער שמחה.

**שיקט אונז צו 25 סענט אין סטעמפּס, וועלען מיר אייך שיקען א נייעם טעסטאַמענט אין אידיש, ענגליש אָדער העברעאיש. דאָס איז א גרויסער באַרגין.**

## שוין נאָך די ימים נוראים

יעדער איד וואָס האָט געלייענט אידישע צייטונגען די ערשטע פּאָר טעג נאָך די ימים נוראים האָט אודאי באַמערקט די גרויסע באַרימעריי איבער אַלע אידישע שוהלען, בכן, אַז זיי זענען געווען איבערגעפּאַקט מיט דאַווענערס איבעראַל אין גאַנץ ניו-יאָרק. מ'האָט דאָרט געשילדערט די שרעקליכע ענגשאַפט אין יענע שוהלען, וואָס פאַרא מין פרומקייט און גוטע אידישקייט ניו-יאָרקער אידען באַזיצען ווען זיי שטופען זיך אַזוי שטאַרק אין די שוהלען אריין, וואו עס איז קוים דאָ פּלאַץ פאַר זיי צו שטעהן, וועלכע זענען צופרידען דאָרט צו פאַרווייلען אפילו אין דער פאַרפּעסטעטער לופט פון דער היץ פון די ברענענדע וואַקסענע ליכט. מילא — אַזוי ווילען יענע שרייבערס האָבען, און וועלכער אידישער לעזער וועט דאָס זיין אַזאַ קאַלטער גזלן און זיי נישט גלויבען אויפ'ן וואָרט אַז אידען זענען טאַקע אַזוי שטאַרק פרום געוואָרען און זענען זיך גאָר מוסר נפש פאַר'ן אידישקייט!

פון יענע רעקלאַמען אין די אידישע צייטונגען וואָלט מען מיינען אַז ס'איז נישט געבליבען קיין מנין אידען אויסער-האַלב די ניו-יאָרקער שוהלען אום ראש השנה ויום כפור; אום צו בעווייזען וואָסאַרא פוסטע איינרעדעניש דאָס איז, ווילען מיר דערצעהלען וואָס א אידישער שניידער האָט אונז אַקאָרשט דערצעהלט:

„א גאַנץ יאָהר — זאָגט ער — בין איך פאַרהאַוועט מיט מיין ארבייט טאָג און נאַכט, איך וואָלט אַמאָל לוסט געהאַט אין א מואווי צו געהן, האָב איך פּשוט קיין צייט נישט. איין שבת נאָכמיטאָג האָב איך יאָ אַביסעל צייט געהאַט דאָרט אריינצוגעהן עפּעס צו זעהן, זענען אָבער די מואוויס אַזוי געפּאַקט געווען, אַז כאָטש נעם און שטעה אין די לופט . . . לעצטען יום כפור טראַכט איך מיר, אָט איצט, ווען אַלע אידען זענען אין די שוהלען, וועט דאָך מסתמא אין די מואוויס גרויס זיין . . . און ויסע יעקב רגליו . . . און בין שוין דאָרט. צו מיין גרויס ערשטוינונג האָב איך פאַר מיר דערזעהען א ליין פון אַנדערהאַלבען-בלאָק לאַנג, כמעט אַלע מיט אידישע נעזער און א סך מיט שפּיציגע בערטלעך, האָב איך מיר במחילת כבודו צוריק געקעהרט שטאַרק דיסאַפּוינטעט אי וועגען די אַלע אידען וואָס זענען דאָרט געשטאַנען אין יום כפור און אי וואָס מיר איז נישט באַשעהרט געווען עפּעס צו זעהן אין דעם טאָג וואָס איך האָב צייט. יאָ, „ווען אַן אָרעמאַן געהט טאַנצען רייסט זיך אָב די סטרונע".

אָט ליעבע לעזער האָט איהר א לעבעדיגען בעווייז ווי אמת עס זענען די רעקלאַמען פון די אידישע צייטונגען אַז אַלע אידען אין ניו-יאָרק געפינען זיך אין די שוהלען אום ראש השנה און יום כפור.

דער שרייבער פון דיעזען אַרטיקעל האָט אַמוסטנע באַזוכט די אָרטאָדאָקסישע שוהל אין זיין שכנות אום שבת נאָך די ימים נוראים, און צו זיין ערשטוינונג האָט ער דאָרט געפונען נישט מעהר ווי 22 אידישע דאַווענערס, אַבגעלעבטע אידען וואָס האָבען סיי ווי סיי נישט מעהר וואָס צו טהון. וואו איז אַלזאָ די באַריהמקייט פון יענע שרייבערס ווען א גאַנץ קיילעכדיג יאָהר זענען די שוהלען פּוסט און לעער? וואָס ווערען יעדע רעדאַקטאָרס און סתם שרייבערס אַזוי באַגייסטערט פון די ימים נוראים'דיגע ענגשאַפט, וועלכעס איז נור ווייל דער עולם האָט מורא פאַר'ן „ומי ימות" און ווילען נור אַרויס קריגען פון בורא עולם א גוט קוויטעל צום נייעם יאָהר!

מיט אַזאַ מגושם'דיגע התפּעלות איז זיך ליידער גאָר נישטאָ וואָס צו באַריהמען. גאָט האָט שוין לאַנג געזאָגט דורך ישעיה הנביא צו אידען: „כי תבאו לראות פני מי בקש זאת מידכם רמס חצרי . . . גם כי תרבו תפלה אינני שמע", ד"ה, אַז דיעזע אַלע זאַכען העלפען ווי א טויטען באַנקעס. טאָ פרעגט זיך דאָך ווידער, צו וואָס זיך באַריהמען מיט א זאַך וואָס איז ווערטה אַן אויסגעבלאָזען איי? א בעווייז האָט איהר, אַז נאָך די אַלע לאַנגע תפלות

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10·11

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

• PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רעה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

VOL. X. No. 4 — 50 CENTS A YEAR — DECEMBER, 1927


## ראבי לאנדמאן לערענט דאס נייע טעסטאמענט

א יעדעס אידישע בלעטעל פון גרויס ניו־יארק, א יעדער אידיש'ער שרייבער וואס האט נור געקאנט א פעדער נעמען אין דער האנד האט מיט גרויס שמחה געשריבען איבער דעם דר' לאנדמאן, ראבי פון טעמפעל איזראעל פון פאר ראקאוועי סענטער. פרעגט גאר ניט — עס איז געוועזן ליהודים, פשוט „לעשות נקמה בגוים". מ'האט געשריבען שימפונגען און בזיונות אויף דעם ראבי נור דערפאר ווייל ער האט געוואגט צו באוועגען זיין אידישע געמיינדע צו לערנען מיט איהם צוזאמען דאס ברית חדשה (נייעם טעסטאמענט).

„אהא — שרייען זיי אלע — האמיר אייך נישט געזאגט אז די רעפארמירטע ראביים ווילען זיך סוף כל סוף אב'שמד'ן!"

א סך, זעהר א סך גרויס־געלערנטע און נאבעלע אידען זענען פארפאלגט געווארען ביי אונזערע אידישע פאנאטישע און ענג־הערציגע ברידער, וועלכע מאכען זיך בלינד, נישט צו זעהן דאס גרויסע ליכט, די שמש צדקה וואס איז אין ישוע המשיח. און איצט איז דר' לאנדמאן נאך איינער אין דער גרויסער גאלאקסי פון די פארפאלגטע עהרליכע אידען וואס האבען עס געמיינט צום גוטען פאר'ן אידישען פאלק, אבער זיי ווילען דאס נישט איינזעהן און אננעמען.

דר' לאנדמאן, אין זיין דעקלאראציע, האט געגעבען צו פארשטעהן אז עס איז זעהר נויטיג פאר אידען דאס צו לערנען כדי צו פארשטעהן דאס קליינע ברית חדשה'לע וואס איז אנגעפילט מיט גרויסע גייסטרייכע בריליאנטען. „פארוואס" — זאגט ער ווייטער — „זאל דאס ברית חדשה זיין א ספר החתום צו אידען?" וואויל האט דאס ווארט פון גאט געזאגט דורך ישעיה הנביא אין קאפיטעל 6: „השמן לב העם הזה . . ."

אבער גאט זיי דאנק אז דארט אין יענעם קאפיטעל לייענען מיר ווייטער: „ועוד עשיריה", ד"ה, אז א צעהנטעל פון אידען וועלען זיך יא באקעהרען און גלויבען אין ישוע המשיח. פונקט אזוי ווי ווען דער בוים ווארפט אראפ זיינע בלעטער אבער דער שטאם פארבלייבט, אזוי אויך וועלען אלע אידען וואס קומען פון ריכטיגען אידישען שטאם, די זרע קודש פון אברהם אבינו, גלויבען אין הייליגען משיח, אזוי ווי דער שטאם גופא, אברהם אבינו דער אב המאמינים האט געגלויבט.

## קריסטמעס און זיין באדייטונג

דער קריסטמעס טאג וועלכען די ציוויליזירטע וועלט האט באשטימט אלס א יום־טוב צו דער עהרע פון דעם געבורט פון ישוע המשיח האט אן אונגעהויער גרויסע באדייטונג פאר דער גאנצער וועלט בכלל און פאר'ן אידישען פאלק בפרט. מיט די ווערטער „אידישען פאלק" מיינען מיר נישט דעם גאנצען כלל, ווייל גאט ב"ה האט אימער געהאט נור איינצעלנע פון גאנצען פאלק ישראל, וועלכע האבען געהארכזאמיג און עהרפורכטיג איהם געליעבט און געדיענט. מיט די ווערטער „אידישען פאלק" מיינען מיר, די יחידי סגולה פון אידישען פאלק, און דאס זענען די וועלכע האבען אריינגעדרונגען און אין זיך איינגעזויגען דעם אידישען גייסט פון די הייליגע נביאים.

אט צו דיעזע גרופע אידען איז דער קריסטמעס־טאג, אין וועלכען עס ווערט געפייערט די געבורט פון ישוע המשיח, דער גרעסטער טאג פון שמחה און גדולה.

אט למשל געהען די יחידי סגולה אין גייסט צו דעם ערשטען טאטע אברהם און פרעגען איהם, פאטער אברהם, וואס איז דיין מיינונג איבער קריסטמעס, און וואס פאר א זין האט דער טאג פאר דיר? זיין ענטפער איז, אז דער טאג איז צו איהם א טאג פון גרויס שמחה, עס הייסט אין יוחנן ח': „אברהם התעלס לראות את יומי וירא וישמח", דאס הייסט, אברהם האט זיך געפרייהט צו זעהן דעם טאג פון ישוע המשיח, און דאס האט אברהם געזעהן ביי דער עקידה ווען ער האט זיין זוהן יצחק געוואלט מקריב זיין, וועלכער איז שיעור געקוילעט געווארען אבער איז דאך לעבען געבליבען, דאמאלס האט איהם גאט געוויזען אז אויך ער, גאט ב"ה גופא, וועט זיין „בן יחיד" מקריב זיין דארט אויפ'ן הר הגלגולת, וואו ער וועט טאקע באמת געקרייציגט ווערען, אבער ער וועט אויפשטעהן אויפ'ן דריטען טאג אזוי ווי עס איז טאקע שפעטער געשעהן מיט ישוע המשיח. אט דארט האט אברהם אבינו געזעהן דעם טאג פון ישוע המשיח'ס אויפאפפערונג, פון זיין אויפערשטעהונג און אויך פון זיין צוריקקומען און ווערען דער מלך על כל הארץ. יא, דאס איז א לאנגער טאג, אבער אויך א גרויסער טאג, און דער טאג פון קריסטמעס איז אין זיך כולל אלע יענע טעג פון משיח. דערפאר האט דער טאג זעהר פיעל געמיינט צו אברהם אבינו.

אברהם אבינו דערצעהלט אויך צו די יחידי סגולה אז דער גייסט פון ישוע המשיח פארשטעלט אלס מענש האט איהם באזוכט נאך איידער ער, דער משיח, איז געבוירען געווארען, ער איז געוועזן איינער פון יענע „שלשה אנשים", וועלכער ער האט געגעבען דעם טיטעל „אדני" מיין גאט. (בראשית י"ח).

דערנאך געהען די יחידי סגולה פון אידישען פאלק צו דעם נעכסטען פאטריארך, יעקב אבינו, איהם פרעגענדיג: פאטער יעקב, וואס דענקסטו פון קריסטמעס, דעם טאג אין וועלכען דער געקרייציגטער איז געבוירען געווארען? הערט וואס יעקב אבינו ענטפערט: „דער טאג איז צו מיר הייליג און טייער, ישוע איז צו מיר איינמאל געקומען אין מיין גרויסער צרה ווען איך בין אנטלאפען פון לבן הארמי און איך האב ערווארטעט צו באגעגענען מיין בלוט־שונא, מיין ברודער עשו, ביי דעם נחל יבק, דארט איז ער צו מיר געקומען און איז געווארען מיין „מלאך הגואל". געוויס האב איך מיך דאמאלס געפרייהט ווען ער האט מיר מגלה־סוד געוועזן בשעת דער מארגענשטערן איז אויפגעגאנגען, אז ער וועט געבוירען ווערען פון א טאכטער פון בית דוד און א גרויסער שטערן וועט דאמאלס אויפלייכטען אין הימעל, דער „דרך ככב ביעקב" וועט אויפגעהן און עס וועט ווערען ליכטיג אין דער גאנצער וועלט. געוויס האב איך מיך געפרייהט אין איהם צו זעהן מיין גואל און דער גואל פון אלע מיינע קינדער עד סוף כל הדורות וואס וועלען אין איהם גלויבען, און איך האב מיט אלע מיינע כחות דאמאלס אויסגעשריען: „לישועתך קויתי ד'".

געוויס פרייהט מיך — זאגט יעקב — אז דער טאג קריסטמעס ווערט געפייערט לשמו ולכבודו.

נאכדעם געהען די יחידי סגולה צו דעם גרויסען ארגאניזאטאר פון אידישען פאלק, משה רבינו, און פרעגען דעם גרויסען פיהרער דיזעלבע פראגע: וואס דענקט איהר, גרויסער רבי, וועגען קריסטמעס? אט הערען מיר איהם ענטפערען: „איך דענק זעהר פיעל וועגען דעם, ווייל איך האב אייך שוין דא־


Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

ENTERED AS SECOND CLASS MATTER APRIL 14, 1922, AT THE POST OFFICE AT BROOKLYN N. Y., UNDER THE ACT OF MARCH 1, 1897.